# אסתּר
# פֿון שלום עליכם

אסתּר (דערציילט לכּבֿוד פּורים)

נישט קיין מעשׂה פֿונעם חדר, נישט פֿונעם רבין און נישט פֿון דער רביצין וויל איך אײַך דערציילן אָט דאָ. איך האָב אײַך שוין פֿון דעם געַנוג מאָל דערציילט. אפֿשר וועט מיר זײַן דערלויבט איצטיקס מאָל, לכּבֿוד פּורים, צו דערציילן אײַך אַ מעשׂה פֿון דעם רבינס טאָכטער אסתּר.

א.

אויב אסתּר פֿון דער מגילה איז געווען אַזאַ יפֿת תּואַר ווי די אסתּר וואָס איך דערצייל אײַך דאָ, איז קיין חידוש נישט וואָס זי האָט אַזוי אויסגענומען בײַם קיניג אחשוורוש. די אסתּר, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ, האָט אויסגענומען בײַ אַלעמען. אַלע האָבן זי ליב געהאַט. אַלע, אַלע, אַפֿילו איך, און אַפֿילו מײַן עלטערער ברודער מאָטל אויך, כאָטש ער איז שוין לאַנג בר־מיצווה, און מע רעדט אים שוין לאַנג שידוכים, און ער טראָגט שוין אַ זייגער מיט אַ קייטל. (אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט זיך אים שוין דעמאָלט געשיט אַ בערדל אויך), און אַז מײַן עלטערער ברודער מאָטל האָט זי ליב געהאַט — פֿרעגט מיך. איך וועל אײַך זאָגן אַקוראַט. ער מיינט איך ווייס נישט, אַז דאָס וואָס ער גייט אַלע שבת בײַ טאָג אין חדר אַרײַן כּלומרשט לערנען פּרק מיטן רבין, איז אַ נעכטיקער טאָג. דער רבי כראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט. די רביצין שמועסט מיט די ווײַבער אין דרויסן אויף דער פּריזבע. און מיר חדר־ייִנגלעך שפּילן אין „מעם שין הא“. און מאָטל מיט אסתּרן קוקן מיט אויגן, ער אויף איר און זי אויף אים. און אַמאָל מאַכט זיך, אַז מיר חדר־ייִנגלעך שפּילן נאָר אין „קוציבאַבע“. ווייסט איר וואָס דאָס הייסט „קוציבאַבע“? אָט וועל איך אײַך זאָגן וואָס דאָס איז. מע נעמט אײַך און מע פֿאַרבינדט אײַך די אויגן מיט אַ פֿאַטשיילע, מע שטעלט אײַך אַוועק אין מיטן שטוב און אַלע דרייען זיך אַרום אײַך און מע זאָגט אײַך: „גער־גער־גער כאַפּ מיך!“

מאָטל און אסתּר שפּילן אויך מיט אונדז. „קוציבאַבע“, זאָגן זיי, געפֿעלט זיי. איך ווייס פֿאַר וואָס סע געפֿעלט זיי. וואָרעם אַז זיי שפּילן מיט אונדז אין „קוציבאַבע“ האַלטן זיי אין איין יאָגן זיך, אין איין כאַפּן זיך, ער זי און זי אים.

און נאָך אַ סך סימנים האָב איך, וואָס איך וואָלט אײַך געקאָנט דערציילן און דערציילן, נאָר איך בין נישט אַזעלכער ...

איין מאָל האָב איך זיי געכאַפּט, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט. דווקא נישט שבת, דווקא אין אַ וואָכעדיקן טאָג. פֿאַרנאַכטלעך איז דאָס געווען. בין מינחה למעריבֿ. ער איז כּלומרשט געגאַנגען אין שול אַרײַן. פֿאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין חדר. „ווו איז דער רבי?“ „דער רבי איז נישטאָ“. און ער גייט און גיט איר די האַנט. אסתּרן הייסט עס, שטיי איך און קוק, נעמט זי צו איר האַנט, גיט ער מיר אַ גראָשן איך זאָל קיינעם נישט דערציילן. זאָג איך — צוויי. גיט ער מיר צוויי. זאָג איך דרײַ — גיט ער מיר דרײַ. איר מיינט וואָס? ווען איך זאָל זאָגן פֿיר וואָלט ער מיר געגעבן פֿיר. און פֿינף און זעקס? נאָר איך בין נישט אַזעלכער ...

נאָך איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשׂה ... נאָר גענוג מעשׂיות. לאָמיך אײַך בעסער דערציילן די רעכטע מעשׂה, וואָס כ'האָב אײַך צוגעזאָגט.

ב.

מײַן ברודער מאָטל, ווי כ'האָב אײַך געזאָגט, איז שוין אַ גרויסער. אין חדר אַרײַן לערנען גייט ער שוין מער נישט. רופֿט אים דעריבער דער טאַטע „פּרא אָדם“. קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט פֿאַר אים, נאָר „פּרא אָדם“. וויל דאָס די מאַמע נישט לײַדן. „וואָס פֿאַר אַ תּנועה, אַ בחור צו לײַטן, שוין באַלד אַ חתן, רופֿן "פּרא אָדם"?“ זאָגט דער טאַטע: „אַז ער איז פֿאָרט אַ פּרא אָדם!“ קריגן זיי זיך. איך ווייס נישט ווי אַזוי אַנדערע טאַטע־מאַמעס. מײַנע טאַטע־מאַמע האַלטן אין איין קריגן זיך; טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט נאָר מע קריגט זיך.

איך זאָל אײַך דערציילן פֿון מײַן טאַטע־מאַמע ווי זיי קריגן זיך, וואָלט איר זיך האַלטן בײַ די זײַטן, נאָר איך בין נישט אַזעלכער ...

הכּלל, לערנט שוין מײַן ברודער מאָטל מער נישט אין חדר. פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעסט ער נישט דעם רבין שיקן אַלע פּורים שלח־מנות. פֿאָרט אַמאָל געווען אַ תּלמיד. שיקט ער אים אַ שיינעם שיר אויף לשון קודש געשריבן, מיט אַ מגן־דוד אויסגעמאָלט, מיט צוויי פּאַפּירענע קערבלעך אַ מתּנה. מיט וועמען שיקט מען אַ רבין אַזאַ מין שלח־מנות? פֿאַרשטייט זיך, מיט מיר. זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטל: „נאַ דיר, טראָג אָפּ דעם רבין שלח־מנות, און אַז דו וועסט קומען צוריק וועל איך דיר געבן צען גראָשן“. צען גראָשן איז טאַקע אַ מטבע, מע קאָן נישט זאָגן. נאָר וואָס דען? איך וויל, זאָג איך, די מטבע באַלד. זאָגט מיר מײַן ברודער, אַז איך בין אַ שגץ. זאָג איך: „סע קאָן זײַן,“ זאָג איך„, אַז איך בין אַ שגץ, איך וועל זיך מיט דיר נישט קריגן, נאָר איך וועל זיך זען,“ זאָג איך, „געלט“. ווי מיינט איר, ווער האָט אויסגעפֿירט?

באַצאָלט מיר די צוגעזאָגטע צען גראָשן, גיט ער מיר דעם רבינס שלח־מנות, אַ פֿאַרחתמעט בריוול. און אַז איך האַלט שוין בײַם אַוועקגאַנג, רוקט ער מיר אַרײַן אין האַנט נאָך אַ בריוול און זאָגט צו מיר שטיל און גיך: „און דאָס וועסטו אָפּגעבן אסתּרן“ ... „אסתּרן?“ „אסתּרן“ ... אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט זיך שוין הייסן באַצאָלן פֿאַר אַזאַ זאַך צוויי מאָל אַזוי פֿיל, נאָר איך בין נישט אַזעלכער ...

ג.

— „רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר גייענדיק מיטן שלח־מנות — וואָס קאָן מײַן ברודער אַזעלכעס שרײַבן צו מײַן רבינס טאָכטער? מע דאַרף אומיסטנע אַ קוק טאָן. מער נישט נאָר אַ קוק טאָן. איך וועל דאָך זיי דערמיט נישט אָפּבײַסן“ ... און איך עפֿן אויף דאָס בריוול וואָס צו אסתּרן און איך לייען איבער אַ גאַנצע מגילה. וועט איר הערן, איך געב זי אײַך איבער וואָרט אין וואָרט:

פֿון מרדכין צו אסתּרן

„איש, אַ מענטש, יהודי, אַ בחור, היה, איז געווען, בשושן הבירה, בײַ אונדז אין שטעטל, ושמו מרדכי, זײַן נאָמען איז מאָטל. ויהי אומן — ער האָט ליב געהאַט, את הדסה — דאָס הדסל — היא אסתּר — דאָס איז אסתּר. והנערה — און דאָס מיידל, יפֿת — איז אַ שיינע, תּואַר — אַ קראַסאַוויצע. ותּיטבֿ הנערה — און דאָס מיידל איז אים געפֿעלן. לא הגידה אסתּר — אסתּר זאָגט נישט אויס קיינעם, כּי מרדכי — וואָרעם מאָטל, צוה עליה — האָט איר אָנגעזאָגט, אשר לא תגיד — זי זאָל נישט אויסזאָגן. ובֿכל יום ויום — אַלע טאָג, מרדכי מתהלך — גייט מאָטל פֿאַרבײַ, לדעת שלום אסתּר — כאַפּן אַ קוק אויף אסתּרן, ובֿהגיע תּור אסתּר — און אַז ס'וועט קומען די צײַט פֿון אסתּרן, בת אַבֿיחיל — זי וועט דאַרפֿן חתונה האָבן. ותּלקח אסתּר — וועט ער נעמען אסתּרן, וימליכה — און ער וועט מיט איר גיין, תּחת ושתּי — אונטער דער חופּה.“

וואָס זאָגט איר אויף מײַן ברודער, ווי ער האָט דאָס אויסגעטײַטשט די מגילה? איך וואָלט אַ בעלן געווען האָרכן, וואָס וואָלט זאָגן, למשל, דער רבי אויף אַזאַ פּירוש? נאָר ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? שאַ! ס'איז דאָ אַן עצה, ווי איך בין אַ ייִד! איך וועל איבערדרייען די יוצרות: דעם רבינס שיר וועל איך אַוועק געבן אסתּרן, און אסתּרס מגילה וועל איך אַוועקגעבן דעם רבין, לאָז ער זיך קוויקן. אַי, ס'וועט נאָך דעם ווערן אַ חתונה? וואָס בין איך שולדיק? טרעפֿט זיך דען נישט, אַ מענטש האָט אַמאָל אַ טעות? למאַי דער בריווטרעגער פֿון דער פּאָסט — מאַכט זיך דען נישט, אַז ער גיט נישט אָפּ קיין בריוו? בײַ מיר וועט זיך אַזעלכע זאַכן קיין מאָל נישט טרעפֿן, איך בין נישט אַזעלכער ...

ד.

— אַ גוט יום טובֿ, רבי! — פֿאַל איך אַרײַן אין חדר מיט אַן אימפּעט, אַז דער רבי טוט זיך אַזש אַ וואָרף — מײַן ברודער האָט אײַך געשיקט שלח־מנות און געווינטשעוועט אײַך איר זאָלט דערלעבן איבער אַ יאָר.

און איך גיי און געב אַוועק דעם רבין די מגילה. מײַן רבי עפֿנט אויף די מגילה, קוקט און טראַכט און זוכט און דרייט די מגילה אויף אַלע זײַטן. אַ פּנים ער זוכט עפּעס נאָך. „זוך, זוך, — טראַכט איך מיר. — דו וועסט דאָרט עפּעס געפֿינען“ ...

און מײַן רבי טוט אָן די זילבערנעברילן, לייענט דורך די מגילה און — איר זאָלט זאָגן, ער זאָל זיך דאָס אַפֿילו פֿאַרקרימען. נאָר אַ זיפֿץ געטאָן, נישט מער. נאָכדעם מאַכט ער צו מיר: „וואַרט אויס, אָט וועל איך דיר אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער.“ איך טו מיר דערווײַל אַ דריי איבערן חדר, נעם בײַ דער רביצין אַ לעקעכל און אַ פֿלעדל און בינו לבינו, אַז קיינער זעט נישט, טו איך אַ געב־איבער אסתּרן אין האַנט אַרײַן דעם רבינס שיר מיטן שלח־מנות. ווערט זי רויטלעך, באַהאַלט זיך אין אַ ווינקעלע, עפֿנט אויף פּאַוואָלינקע דאָס בריוול און ווערט אָנגעצונדן ווי אַ ליכט, און די אויגן

ברענען — סכּנת נפֿשות! „אַ פּנים נישט צופֿרידן מיטן שלח־מנות“ — טראַכט איך מיר און גיי צו צום רבין. גיט ער מיר די „פֿאָר ווערטער“, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— אַ גוטן יום טובֿ איַיך, רבי! — זאָג איך מיטן אייגענעם אימפּעט, וואָס ביַים אַריַינקומען. דערלעבט איבער אַ יאָר! און איך לאָז מיך אַהיים.

שוין אַז איך בין געווען אויף יענער זיַיט טיר, לויפֿט מיר נאָך אסתּר מיט רויטע פֿאַרוויינטע אויגן: „נאַ, — זאָגט זי צו מיר מיט כּעס — אָט דאָס וועסטו אָפּגעבן דיַין ברודער!“

אויפֿן וועג עפֿן איך אויף פֿריִער דעם רבינס בריוול — דער רבי איז בילכער. שטייט דאָרט אַזוי: „מיַין ליבער און געטריַיער תּלמיד מרדכי נ"י! איך דאַנק דיר פֿיל מאָל פֿאַרן שלח־מנות, וואָס דו האָסט אַריַינגעשיקט. פֿאַר אַ יאָרן און פֿאַר צוויי יאָרן האָסטו מיר אַריַינגעשיקט שלח־מנות טאַקע, שלח־מנות ממש ... הײַנטיקס יאָר האָסטו מיר אַריַינגעשיקט אַ נײַעם פּירוש אויף דער מגילה. דאַנק איך דיר פֿאַר דער מגילה. איך דאַרף דיר אָבער זאָגן, מאָטל, אַז דער פּירוש הייבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן. ראשית איז שושן הבירה „די הויפּט שטאָט“, נישט ווי דו זאָגסט, „אונדזער שטעטל“. והשנית וואָלט איך וועלן וויסן ווו שטייט דאָס, אַז מרדכי איז געווען אַ בחור? און וואָס רופֿסטו אים עפּעס מאָטל? וואָס פֿאַר אַ מאָטל? און פֿון וואַנען האָסטו דאָס גענומען, אַז „אומן“ איז דער טיַיטש ליב געהאַט? אומן איז דער טיַיטש דערצויגן פֿונעם וואָרט „אמן פּדגוג“. און וואָס דו טיַיטשסט: ויַמליכה תּחת ושתּי — אַז ער וועט מיט איר גיין אונטער דער חופּה — קומט דאָס שוין גלאַט ווילד, אָן אַ שום טעם. ערשטנס גייט דער „ויַמליכה“ אויף אַחשוורשן, נישט אויף מרדכין. און צווייטנס, איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט אין דער מגילה, אַז אַחשוורש איז געגאַנגען מיט אסתּרן צו דער חופּה. אַ קונץ נעמען אַ פּסוק און פֿאַרדרייען אים משוגענערוויַיז? יעדער פּירוש דאַרף זיַין מיט אַ גאַנג. פֿאַר אַ יאָרן און פֿאַר צוויי יאָרן האָסטו מיר אַריַינגעשיקט עפּעס אַנדערש. הײַנטיקס יאָר איז דיר געפֿעלן שיקן דעם רבין אַ פּירוש אויף דער מגילה, און נאָך אַ פֿאַרדרייטן פּירוש דערצו. נו, מהיכא־תּיתי, מסתּמא דאַרף אַזוי צו זיַין. לכן שיק איך דיר דיַין מגילה אָפּ צוריק און לאָז דיר גאָט געבן אַ גוט יאָר, ווי עס ווינטשט דיר דיַין רבי ...

אָט דאָס הייסט געריבן אַ מאָרדע! אַ מיצווה אויף מיַין ברודער! ער וועט שוין מער אַזעלכע מגילות נישט שריַיבן, מיַין איך.

אָפּגעפֿאַרטיקט זיך מיטן רבינס בריוו, דאַרף מען שוין אין איינוועגס אַ קוק טאָן, וואָס שריַיבט זי, דעם רבינס טאָכטער הייסט עס? איך עפֿן אויף איר בריוו, פֿאַלן נישט אַרויס די צוויי קערבעלעך? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שלאַק? איך לייען איבער — אין גאַנצן צוויי שורות: „מאָטל, איך דאַנק דיר פֿאַר די צוויי קערבלעך. קענסט זיי נעמען צוריק. אַזאַ שלח־מנות פֿון דיר האָב איך נישט דערוואַרט. קיין מתּנות פֿון דיר פֿאַרלאַנג איך נישט, און קיין נדבֿה אַוודאי נישט“ ...

כאַ־כאַ, וואָס זאָגט איר דערויף? קיין נדבֿה פֿאַרלאַנגט זי נישט! אַ שיינע געשיכטע, ווי איך בין אַ ייִדיש קינד! הכּלל, וואָס טוט מען וויַיטער? אַן אַנדערער אויף מיַין אָרט וואָלט מסתּמא ביידע בריוו צעריסן און דאָס געלט אַריַינגעלייגט אין קעשענע. צוויי פֿיַיגן וואָלט ער געבראַכט אַהיים, נישט קיין צוויי קערבעלעך. נאָר איך בין נישט אַזעלכער ... איך האָב בעסער אָפּגעטאָן אַ שענערע זאַך. וועט איר הערן. איך האָב מיך מישבֿ געווען אַזוי: שׂכר־טירחה פֿאַרן וועג האָב דאָך פֿון מיַין ברודער מאָטל שוין באַקומען — היַינט וואָס דאַרף איך אים? און איך גיי און געב אָפּ ביידע בריוו נאָר דעם טאַטן. איך וועל הערן וואָס וועט דער טאַטע זאָגן? ער וועט בעסער פֿאַרשטיין די מגילה, ווי מיַין רבי, כאָטש דער טאַטע איז אַ טאַטע און דער רבי איז אַ רבי ...

ה.

וואָס איז געווען, אַז דער טאַטע האָט איבערגעלייענט ביידע בריוו מיט דער מגילה און האָט אַ נעם געטאָן מיַין ברודער מאָטל אויפֿן צימבל, ער זאָל געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך? — פֿרעגט שוין גאָר נישט. איך זאָל וועלן נאָכטאָן מיַין ברודער מאָטל, וואָלט איך באַדאַרפֿט זאָגן מיטן לשון און מיטן ניגון פֿון דער מגילה:

„והעיר שושן נ־בֿו־כה“ ...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. איר וואָלט דאָך אַוודאי וויסן דעם סוף: וואָס איז געווען דער סוף מיטן רבינס טאָכטער אסתּרן און מיט מיַין ברודער מאָטל? וואָס זאָל זיַין? גאָרנישט. אסתּר האָט חתונה געהאַט. אַן אַלמן האָט זי גענומען. אַך, האָט זי געוויינט! איך בין געווען אויף איר חתונה. וואָס, אייגנטלעך, האָט זי אַזוי געוויינט — ווייס איך נישט. אַ פּנים, דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מיט איר זיווג לאַנג נישט עלטערן. און כּך־הווה. זי האָט אָפּגעלעבט מיט

אים אין גאַנצן אַ האַלב יאָר און איז אַוועקגעשטאָרבן. פֿון וואָס — קאָן איך איַיך נישט זאָגן. איך ווייס נישט. קיינער ווייסט נישט. דער רבי און די רביצין ווייסן אויך נישט. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט זיך געסמט, פּשוט, גענומען און אַליין אַוועקגעסמט זיך. נאָר ס'אַ ליגן. „דאָס האָבן שׂונאים אויסגעטראַכט.“ אַזוי האָב איך געהערט פֿון דער רביצין אַליין ...

און מײַן ברודער מאָטל? אָהאָ! ער האָט נאָך פֿריִער חתונה געהאַט, נאָך איידער אסתּר איז אַ כּלה געוואָרן, און איז אַוועקגעפֿאָרן אַהין, צום שווער. ער איז אָבער גיך געקומען צוריק, און דווקא אַליין. וואָס איז די מעשׂה? ער וויל זי גטן. זאָגט אים דער טאַטע: „ביסט אַ פּרא־אָדם!“ וויל די מאַמע נישט ליַידן, קריגט מען זיך. ס'איז פֿריילעך! פֿון דעסטוועגן האָט זיך נישט געהאָלפֿן. ער האָט זיך מיט איר געגט און חתונה געהאַט פֿאַר אַן אַנדערער. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך אַפֿילו. אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. הייסט דאָס ייִנגעלע הערצל, נאָכן דאָקטאָר הערצל. און דאָס מיידעלע הייסט אסתּרל. דער טאַטע האָט אַפֿילו געזאָגט, זי זאָל הייסן גיטל, נאָך זיַין מאַמע, דער באָבע גיטל. און די מאַמע האָט געוואָלט, געחלשט, זי זאָל הייסן לאהצי, נאָך איר מאַמע, דער באָבע לאה. איז אַרויס צווישן טאַטע־מאַמע אַ מחלוקת. אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געקריגט. איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן לאה־גיטל, נאָך ביידע מאַמעס. אַן עק. האָט זיך דער טאַטע אַרומגעקוקט, ער וויל נישט לאה־גיטל. „וואָס איז דער שׂכל?“ „אַזוי, פֿאַר וואָס קומט איר, אַז איר מאַמעס נאָמען זאָל גיין פֿריִער?“ קומט צו גיין מיַין ברודער מאָטל פֿון שול און זאָגט, אַז ער האָט איר גאָר געגעבן אַ נאָמען אסתּר. זאָגט אים דער טאַטע: „פּרא־אָדם! פֿון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַ נאָמען אסתּר?“ ענטפֿערט אים מאָטל: „האָסט פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן באַלד פּורים?“ ... נו, וואָס וועט איר אים, אַשטייגער, איצטער זאָגן? אַן עק. מע הערט שוין מער נישט קיין „פּרא־אָדם“ פֿונעם טאַטן. נאָר ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, קוקן עפּעס מאָדנע איינס אויף דאָס אַנדערע און מע כאַפּט אַ שוויַיג.

וואָס האָבן געהייסן דער דאָזיקער קוק מיט דעם דאָזיקן שוויַיג — ווייס איך נישט. אפֿשר ווייסט איר? ...